NYC Charter Revision Commission

# דעפֿיניטיווער בקיצורדיקער עקזעקוטיוו באַריכט

## יולי 2024

דעם 21טן מײַ 2024 האָט מייאָר עריק אַדאַמס באַקאַנט געמאַכט די קאָמיסיע פֿון 2024 צו באַטראַכטן דעם טשאַרטער (2024 Charter Revision Commission) און באַשטימט קאַרלאָ שיסוראַ (Carlo Scissura) אַלס פֿאָרזיצער, און נאָך 12 אַנדערע קהל אָנפֿירער אַלס מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע. דער מייאָר האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער קאָמיסיע זי זאָל באַטראַכטן דעם גאַנצן טשאַרטער כדי צו פֿאַרזיכערן אַז ער איז עפֿעקטיוו און באַטראַכט אַלע ניו יאָרקער. דער מייאָר האָט אויך געבעטן דער קאָמיסיע זי זאָל באַזונדערס באַטראַכטן צי מען דאַרף ענדערן דעם טשאַרטער כדי צו פֿאַרשטאַרקן די געזעלשאַפֿטלעכע זיכערקייט און פֿאַרבעסערן די פֿינאַנציעלע פֿאַראַנטוואָרטליכקייט.

נאָך דעם האָבן באַטראַכט דעם גאַנצן טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק, קאָמענטאַרן פֿון קהל, עדות פֿון ספּעציאַליסטן און פֿאָרשונג, האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן פֿאָרצושטעלן די פֿאָלגנדע פֿאָרגעשלאָגענע אַמענדמענטס צו די שטימער פֿון דער שטאָט פֿון ניו יאָרק בשעת די אַלגעמיינע וואַלן פֿון דעם 5טן נאָוועמבער 2024.

### ריינע גאַסן

אין דער ערשטער פֿראַגע פֿון דער אָפּשטימונג שלאָגט די קאָמיסיע פֿאָר אַן אַמענדמענט כדי צו פֿאַרברייטערן און אויפֿקלערן די אויטאָריטעט פֿון דער סאַניטאַציע אָפּטיילונג [Department of Sanitation's (DSNY)] צו האַלטן ריין די גאַסן פֿון דער שטאָט.

הײַנט, לויט דעם טשאַרטער, האָט די DSNY די מאַכט צו רייניקן אַ טייל פֿון דעם שטאָט אייגנטום — אָבער ניט דעם גאַנצן. די טיילווײַזע יוריסדיקציע קאָמפּליצירט דער שטאָטס באַמיונג אויסצורייניקן אַ טייל פֿון איר אייגנטום — צום בײַשפּיל, אין מיטל פֿון די צוויי טיילן פֿון אַ וועג. דער

דאָזיקער אַמענדמענט וואָלט באַמעגלעכט דער DSNY, לויט די באַפֿעלן פֿון מייאָר, אויסצורייניקן יעדער שטאָט אייגנטום.

פּונקט אַזוי האָט דער DSNY זיך באַמיט מען זאָל מיסט אַוועקלייגן אין קאַסטנס לטובת ריינקייט און היגיענע פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, און אויסגעשטעלט עטלעכע כּללים וואָס באַגרענעצן די צײַט וואָס מען מעג לאָזן מיסט וואָס איז ניט אין קאַסטנס אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט. אָבער דער טשאַרטער באַשטימט ניט בפֿירוש די DSNY אַז זי זאָל אײַנפֿירן דאָס אַוועקלייגן מיסט אין קאַסטנס. דער אַמענדמענט וואָלט אויפֿגעקלערט אַז DSNY איז אויטאָריזירט אײַנצושטעלן כּללים ווי אַזוי מען שטעלט אַרויס מיסט מען זאָל עס אַוועקנעמען, אײַנשליסלעך פֿאָדערן מען זאָל באַנוצן קאַסטנס.

און אויך, כאָטש דער ביוראָ אויף צו דורכפֿירן גאַסן פֿאַרקויפֿער (Office of Street Vendor Enforcement) איז אײַנקוואַרטירט אין דעם DSNY, געבט ניט דער טשאַרטער בפֿירוש דעם DSNY די אויטאָריטעט איבער דעם פֿאַרקויפֿן וואָס פֿירט זיך אויף שטאָט אייגנטום אַ חוץ פֿון גאַסן און טראָטואַרן, ווי צום בײַשפּיל פּאַרקן. דער אַמענדמענט וואָלט אויסגעברייטערט די אויספֿירוג אויטאָריטעט איבער גאַסן פֿאַרקויפֿער צו אַנדערע מינים שטאָט אייגנטום, און ניט נאָר גאַסן און טראָטואַרן.

## פֿינאַנציעלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט

אין דער צווייטער פֿראַגע צו דער אָפּשטימונג שלאָגט די קאָמיסיע פֿאָר אַן אַמענדמענט כּדי צו פֿאַרבעסערן ווי אַזוי די שטאָט שאַצט אָפּ די פֿינאַנציעלע השפּעה פֿון פֿאָרגעשלאָגענע לאָקאַלע געזעצן און פֿאַרנעמט זיך מיט באַשטימטע פֿאַרעלטערטע און אומעפֿעקטיווע בודזשעט טערמינען.

ערשטנס, און כּדי מען זאָל נעמען אין אַכט ווי־פֿל עס קאָסטן פֿאָרגעשלאָגענע געזעצן, שלאָגט פֿאָר די קאָמיסיע מען זאָל ענדערן די טייל פֿון טשאַרטער וואָס פֿאָדערט באַריכטן פֿון פֿינאַנציעלער השפּעה (Fiscal Impact Statements). הײַנט פֿאַרעפֿנטלעכט דער שטאָט ראָט (City Council) באַריכטן פֿון פֿינאַנציעלער השפּעה נאָר גלײַך פֿאַר דעם אָננעמען פֿאָרגעשלאָגענע געזעצן. דער רעזולטאַט איז אַז אַ גרויסע טייל פֿון דעם עפֿנטלעכן באַטראַכטן פֿון געזעצן — און אַ גרויסע טייל פֿון דער לעגיסלאַציע אַרבעט אויסצושטעלן אַ געזעץ — קומט פֿאָר אָן אַ באַריכט פֿון פֿינאַנציעלער השפּעה און די קאָסט אָפּשאַצונג וואָס ער אַנטהאַלט. דאָס פֿאָדערן אַ באַריכט פֿון פֿינאַנציעלער השפּעה מער צום אָנהויב פֿון דעם געזעצגעבונג פּראָצעס, איידער אַן עפֿנטלעכן אויסהער וועגן אַ

פֿאַרגעשלאָגענעם לאָקאַל געזעץ, וואָלט געהאָלפֿן בעסער באַטראַכטן די פֿינאַנציעלע ווירקונג פֿון די פֿאָרגעשלאָגענע געזעצן. עס וואָלט זיך אויך געפֿאָדערט אַן אַקטואַליזירטער באַריכט פֿון פֿינאַנציעלער השפעה — איידער דער גאַנצער ראָט שטימט אויף אַ פֿאָרגעשלאָגענם געזעץ — כדי סײַ די געזעצגעבער ווי קהל זאָלן באַקומען אַ דעפֿיניטיווע אָפּשאַצונג פֿון דער פֿינאַנציעלער ווירקונג פֿון דעם פֿאָרגעשלאָגענעם געזעץ. דער פֿאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט וואָלט געפֿאָדערט אַז די באַריכטן פֿון פֿינאַנציעלער השפעה פֿון פֿאָרגעשלאָגענע געזעצן זאָלן אײַנהאַלטן צוויי אָפּשאַצונגען: איינע פֿון דעם ראָט און איינע פֿון ביוראָ פֿאַר אַדמיניסטראַציע און בודזשעט (Office of Management and Budget), כדי בעסער און מער פּרטמדיק צו באַטראַכטן פֿינאַנציעלע ווירקונגען. דער דאָזיקער פֿאָרשלאַג נעמט אין אַכט וויכטיקע דעות פֿון מומחים און גרופּעס פֿאַר גוטער רעגירונג, וואָס רופֿן אויף ענדערונגען פֿון דעם פּראָצעס פֿון באַריכט פֿון פֿינאַנציעלער השפעה.

דער אַמענדמענט וואָלט אויך אַקטואַליזירט עטלעכע טערמינען פֿון בודזשעט אין דעם טשאַרטער. כדי צו פֿאַרזיכערן אַז נײַע שטאָט רעגירונגען וועלן באַקומען מער צײַט אויסצושטעלן אַ פּרעלימינאַרן בודזשעט, וועט דער אַמענדמענט פֿאַרלענגערן דעם טערמין פֿאַר דעם פּרעלימינאַרן בודזשעט פֿון דעם 16טן יאַנואַר ביז דעם 1טן פֿעברואַר אין די יאָרן נאָך וואַלן אויף מייאָר. אין די זעלבע יאָרן וואָלט דער פֿאָרגעשלאָגענער אַמענדמענט געענדערט די פֿאַסיקע טערמינען כדי אין אַכט צו נעמען דעם פּרעלימינאַרן בודזשעט פֿון דעם 1טן פֿעברואַר. צום לעצטנס וואָלט דער אַמענדמענט פֿאַרלענגערט דעם טערמין צו צושטעלן דעם אַרבעט בודזשעט פֿאַר דעם נײַעם שטײַערעיאָר פֿון דעם 26טן אַפּריל ביז דעם 1טן מײַ, כדי צו פֿאַרזיכערן אַז דער אַרבעט בודזשעט שליסט אײַן וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן שטײַער אײַנמאָנונג און אײַנקונפֿטן ביז דעם טערמין פֿאַר שטײַערן דעם 15טן אַפּריל.

## געזעלשאַפֿטלעכע זיכערקײַט

אין דער דריטער פֿראַגע צו דער אָפּשטימונג שלאָגט די קאָמיסיע פֿאָר אַן אַמענדמענט מען זאָל באַקומען מער דעות פֿון קהל און עפֿנטלעך באַטראַכטן לאָקאַלע געזעצן וועגן געזעלשאַפֿטלעכער זיכערקײַט.

הײַנט זײַנען די פֿאָדערונגען אָנצונעמען געזעצן וועגן געזעלשאַפֿטלעכער זיכערקײַט די זעלבע ווי די פֿאָדערונגען אָנצונעמען געזעצן אין אַנדערע געביטן. די קאָמיסיע האָט אויסגעהערט וויכטיקע

עדות פֿון קהל און פֿון צדדים וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער דאגה אַז דער איצטיקער פּראָצעס פֿון באַטראַכטן געזעלשאַפֿטלעכע זיכערקייַט מאָסמיטלען שלאָגט ניט פֿאָר גענוג געלעגנהייַטן אויף אַרויסצוזאָגן אַ דעה וועגן זיי און זיי באַטראַכטן. דער ציל פֿון מער געלעגנהייַטן קהל זאָל זאָגן זייַן דעה ווען דער ראָט באַטראַכט געזעצן וועגן געזעלשאַפֿטלעכער זיכערקייַט, איז פֿאַרמעגלעכן אַ מער פֿאָרזיכטיקן יישוב-הדעת און פֿאַרזיכערן אַז די באַרירטע גרופּעס פֿון דער גאַנצער שטאָט וועלן אויסגעהערט ווערן ווען אַ געזעץ איז משפּיע אויף דעם וויכטיקן געביט.

ספּעציפֿיש וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט אייַנגעשטעלט מער פּראָצעדורעלע פֿאָדערונגען לגבי ווי אַזוי דער ראָט באַטראַכט פֿאָרגעשלאָגענע לאָקאַלע געזעצן מיט שייכות צו דער געזעלשאַפֿטלעכער זיכערקייַט אַרבעט פֿון דרייַ שטאָט אַמטן: די פּאָליצייַ אָפּטיילונג, די תּפֿיסות אָפּטיילונג און די פֿייַערלעשער אָפּטיילונג. איידער דער פֿולער ראָט שטימט אויף אַן אייַנגעשלאָסענעם פֿאָרשלאַג וועגן געזעלשאַפֿטלעכער זיכערקייַט וועט דער ראָט דאַרפֿן שיקן נאָך אַ מעלדונג דעם קהל, דעם מייאָר און דעם קאָמיסיאָנער פֿון יעדער באַווירקטן אַמט ניט וויייניקער ווי 30 טעג פֿאַר דער אָפּשטימונג אויף דעם ענין. אין דער צייַט צווישן דער מעלדונג און דער דעפֿיניטיווער אָפּשטימונג, מעגן דער מייאָר און די באַווירקטע אַמטן אָפּהאַלטן איין אָדער מער עפֿנטלעכע אויסהערן וועגן דעם פֿאָרשלאַג, כדי צו הערן מער דעות פֿון קהל. די דאָזיקע אויסהערן מעגן זייַן, ווען פּאַסיק, עפֿנטלעכע אויסהערן אין די אַנדערע באָראָס אויסער מאַנהעטן, כדי עס זאָל זייַן לייַכטער פֿאַר די באַווירקטע קהלים צו זאָגן זייערע דעות.

## קאַפּיטאַל פּלאַנירונג

אין דער פֿערטער פֿראַגע צו דער אָפּשטימונג שלאָגט די קאָמיסיע פֿאָר אַן אַמענדמענט כדי צו פֿאַרבעסערן דעם פּראָצעס פֿון קאַפּיטאַל פּלאַנירונג דורך דעם פֿאַרגרעסערן די דורכזעיוקייַט און דעם פֿאַרזיכערן אַז די שטאָט זאַמלט צונויף קריטישע אינפֿאָרמאַציע.

די שטאָט פּלאַנירט כסדרדיק ווי אזוי צו אינוועסטירן אין איר אינפֿראַסטרוקטור. פֿאַררופֿנדיק זיך אויף אַן עצה פֿון קאָנטראָליאָר ברעד לענדער ((Comptroller Brad Lander, וואָלט דער פֿאָרשלאַג פֿאַרגרעסערט די דורכזעיווקייַט דורך דעם פֿאַרזיכערן אַז די שטאָט פֿאַרעפֿנטלעכט מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם צושטאַנד פֿון אירע אינסטאַלאַציעס. ער וואָלט אויך פֿאַרזיכערט אַז די אָפּטיילונג פֿאַר שטאָט פּלאַנירן (Department of City Planning) און דער ביוראָ פֿאַר

אַדמיניסטראַציע און בודזשעט (Office of Management and Budget), זאָלן נעמען אין אַכט דעם צושטאַנד פֿון די אינסטאַלאַציעס און די נייטיקע באַדינונג, צוזאַמען מיט אַנדערע פֿאַקטאָרן ווי געאָגראַפֿישע פֿאַרטיילונג, השפּעה אויף דער פֿעסטיקייַט און די וויכטיקייַט פֿון די אינסטאַלאַציעס פֿאַר דער אַרבעט און צילן פֿון אַן אַמט בייַם אויסשטעלן די קאַפּיטאַל סטראַטעגיע אויף צען יאָר (Ten-Year Capital Strategy).

## MWBE און מאָדערניזאַציע

אין דער פֿינפֿטער און לעצטער פֿראַגע צו דער אָפּשטימונג שלאָגט די קאָמיסיע פֿאָר אַן אַמענדמענט מען זאָל אַקטואַליזירן עטלעכע באַדינגונגען אין טשאַרטער כּדי צו פֿאַרבעסערן די אַרבעט פֿון דער שטאָט.

כּדי צו שטיצן געשעפֿטס אונטערנעמונגען פֿון פֿרויען און מינאָריטעטן [Minority and Women-Owned Business Enterprises (MWBEs)] וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט אייַנגעשטעלט אין טשאַרטער דעם הויפּט באַאַמטער פֿאַר געשעפֿטס פֿאַרשיידנקייט [Chief Business Diversity Officer (CBDO)] און באַשטימט אַז דער CBDO וועט זייַן צו וועמען די MWBE וועלן זיך ווענדן, דער וואָס שאַצט אָפּ די עפֿעקטיווקייַט פֿון די שטאָט פּאָליטיקן בייַ דעם באַהאַנדלען נישט-גלייַכקייַט בייַ דער שטאָט אייַנשאַפֿונג און וועט פֿאָרשלאָגן די נייטיקע ענדערונגען אין דער שטאָט פּאָליטיק.

דערנאָך וואָלט דער דאָזיקער אַמענדמענט באַשטימט דעם מייאָר צו באַמעכטיקן דעם ביוראָ וואָס באַהאַנדלט דערלויבענישן פֿאַר פֿילמען — דער ביוראָ פֿון מייאָר פֿאַר מעדיע און פֿאַרווייַלונג [Mayor's Office of Media and Entertainment (MOME)] — אַרויסצוגעבן די דערלויבענישן.

צום לעצטנס וואָלט דער אַמענדמענט קאָמבינירט צוויי פֿאַרוואַלטונגען געשאַפֿט דורך דעם טשאַרטער וואָס האָבן דעם זעלבן ציל: פֿאַרזיכערן די עפֿעקטיווע אַרבעט פֿון די שטאָט אַרכיוון.